# קול המוסדות 2

נייעס אינפארמאציע אנטוויקלונגען

פון אונזער ת״ת הק׳ מיט אירע 400 קינדער כ״י

ארויסגעגבן דורך: תלמוד תורה ״תורה ויראה״ דרבינו יואל דסאטמאר לאנדאן יצ״ו


שפּאַנונג צווישן אנ״ש מקבּל פּנים צו זיין פּני הגה״צ המפורסם פּה מפיק מרגליות אבדק״ק ציעשנוב שליט״א 2

אינטערוויו מיט הר״ר חיים אביגדור קאַרנבלי הי״ו מענעדזשער פונעם בנין התלמוד התורה 3

סודות פון חדר... 6

קול ההורים עלטערן שרייבן איבער די תלמוד תורה 8

די שטערנס נעבן די זון... 9




# שפּאַנונג צווישן אנ"ש מקבל פּנים צו זיין פּני הגה"צ המפורסם פּה מפיק מרגליות אבדק"ק ציעשנוב שליט"א

## וועט ספּעציעל קומען צו פאָרן אויפצוטרעטן אַלס "נואם הכבוד" ביים סעודת הודאה ומסיבת הדינער לטובת התלמוד תורה

וואו מען גייט און וואו מען שטייט איז דאָס דער געשפּרעך ביי תושבי עירינו בכלל, און ביי אנ"ש בפרט, דעם געלונגענעם אויסוואַל וואָס די הנהלת התלמוד תורה האָט דאָס יאָר געמאַכט, מיט'ן מכבד זיין דעם באַרימטן פּה מפיק מרגליות הגה"צ המפורסם שפתותיו נוטפות מור ושושן אבד"ק ציעשנוב שליט"א וראש הישיבה ישיבה גדולה דסאַטמאַר אין באָראָ פּאַרק, וועלכער וועט ספּעציעל קומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן, אויפצוטרעטן אַלס "נואם הכבוד" ביים יערליכער דינער וסעודת הודאה לטובת אונזער הייליגע תלמוד תורה.

דער ציעשנובער רב הגה"צ רבי חיים יעקב מאיר רובין שליט"א איז נודע בשערים אַלס איינער פון די חשובי הרבנים אין ניו יאָרק, א ריכטיגער דולה ומשקה מתורת אבותיו הקדושים נבג"מ וזי"ע, פון וועמען עס גיסט זיך כסדר א שלל מיט ענינים וואָס ער האָט מקבל געווען מבית אבותיו זי"ע.

ביים ציבור אנשי שלומינו אומעטום איז דער ציעשנובער רב שליט"א שטאַרק באַקאַנט מיט זיין געוואַלדיגן גדלות בתורה, שטייענדיג שוין פילע יאָרן אין שפּיץ פון דעם שיינעם מקום ישיבה גדולה דסאַטמאַר אין באָראָ פּאַרק, וואו דער רב שליט"א לייגט אַריין איבערמידליכע כוחות געטריי צו באַגלייטן יעדן בחור מתלמידי הישיבה, וחפץ ה' בידו הצליח מעמיד צו זיין הונדערטער תלמידים הגונים וישרים אשר כל רואיהם יכורים כי זרע ברך ה' המה.

דאָס זעלבע איז דער ציעשנובער רב שליט"א באַקאַנט אַלס יחיד מומחה בעניני חינוך, און ער שטייט שוין יאָרן לאַנג אין שפּיץ פונעם "ועד החינוך" פון די סאַטמאַרער מוסדות אין באָראָ פּאַרק, פאַר וועלכן ער לייגט אַריין שעות-אויף-שעות צו באַגלייטן פאַרשידענע ענינים מיט א זעלטענעם קלאָרקייט און דעת תורה בהירה ווי אַזוי צו קענען מחנך זיין ערליכע אידישע דורות לויט די היינטיגע אומשטענדן.

העולה על כולנה איז דער ציעשנובער רב שליט"א ברייט באַרימט אַלס פה מפיק מרגליות, שפתותיו נוטפות מור ושושן. יעדעס מאָל וואָס דער רב שליט"א איז משמיע מאמרותיו ברענגט דאָס צונויף א גרויסן ציבור, אידן הצמאים לדבר ה' וואָס קומען אהערן די דברי חיזוק והדרכה ודברי פי חכם חן וואָס גיסט זיך פונעם ציעשנובער רב שליט"א כמעין המתגבר וכנהר שאינו פוסק. דעם ציעשנובער רב שליט"א'ס ווערטער זענען אַלץ קולעים אל השערה, זייענדיג מלאים זיו ומפיקים נוגה, יסודות'דיגע הדרכות און מתיקות'דיגע רעיונות וואָס פאַנגט דאָס הארץ פון די שומעי' לקחו.

באַזונדער איז דער ציעשנובער רב שליט"א שטאַרק דבוק במשנת מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, ודבריו הקדושים זענען אַלץ מרגלא בפומי'. אַזוי אַרום וועלן אנשי שלומנו האָבן די זכי' און כבוד מקבל פנים צו זיין דעם גרויסן גאַסט שליט"א וואָס וועט אויפטרעטן אַלס "נואם הכבוד" און וועט משמיע זיין די צענטראַלע דרשה ביים גרויסן מסיבת הדינער וסעודת הודאה לטובת די תלמוד תורה וואָס וועט אי"ה אָפּגעראַכטן ווערן קומענדיגן א' פרשת מקץ הבעל"ט.

דאָס ערשיינונג פונעם ציעשנובער רב שליט"א אַלס נואם הכבוד ביים דינער לטובת אונזער איז דאָס געשפּרעך פון טאָג צווישן תושבי עירינו יצ"ו און פילע תושבים גרייטן זיך צו קומען מיטהאַלטן דעם מעמד מפואר, כדי צו קענען מיטהאַלטן די דברים המחוכמים פונעם ציעשנובער רב שליט"א.

יהא בואו לברכה.

# אינטערוויו

## מיט הר"ר חיים אביגדור קאָרנבלי הי"ו

### מענעדזשער פונעם בנין התלמוד התורה

**עורך:** א גוטן, האָט איר איצט א פּאָר איבעריגע מינוט?

**ר' חיים אביגדור:** "איבעריגע מינוט" איז כמעט נישט פאַרהאַנען דאָ אין תלמוד תורה...

**עורך: אַזוי? דאָס מענעדזשען די תלמוד תורה פאַרנעמט דען אַזויפיל צייט?**

רח"א: אַז דו קענסט מיר צולייגן נאָך א פאר שעה צו די ביז איצטיגע וואָלט איך עס אויך געקענט נוצן... אָנפירן א מוסד מיט אַזויפיל הונדערטער תשב"ר בליעה"ר איז קיינמאָל נישט לייכט, און דאַרפסט געדענקט, לויט די פּירות וואָס קומט אַרויס פון די תלמוד תורה קוקט עס טאַקע שוין אויס ווי א מוסד וואָס שטייט שוין עטליכע יאָר. אָבער פאַקטיש האַלט מען ערשט ביים דריטן יאָר, און מ'האָט נאָך ווייט נישט געענדיגט מיט'ן "כל התחלות קשות" עס קומען כסדר צו פרישע אונטערנעמונגען, בעת דאָס אַלטע קומט נאָך אויך זייער שווער אַן טאַקע צוליב דעם, ווייל מען איז נאָך ניי...

**עורך: איך וויל אייך נישט צופיל אויפהאַלטן. אָבער לאָמיר גיין צוביסלעך, וואָס איז אייער תפקיד? ווי אַזוי הייבט איר אָן דעם טאָג?**

רח"א: על ראשון ראשון. וואָס עס איז מיין תפקיד? וואָס נישט... זיכער צו מאַכן אַז אַלעס אַלעס קלאַפּט. אָנגעהויבן פון טוישן אַן אויסגעברענטע בירנע (באַלב) ביז זיכער מאַכן אַז עס זענען דאָ גענוג בתי כסא פאַר אַלע אָפּטיילונגען...

מיין סדר היום הייבט זיך געווענליך אָן גאַנץ אינדערפרי. איך גיי אַרום צו עטליכע בעקערייען דאָהי אין די שטאָט, וואו איך נעם איבער דאָס ברויט וואָס די קינדער עסן אין חדר פאַר פרישטאָג און מיטאָג.

**עורך: דאָס דאַרף מען אָפּנעמען? זיי דערליווערן דאָס נישט?**

רח"א: די בעקערייען דערליווערן נאָר פאַר געלט... און כ'וועל דיר עס מסביר זיין. איינס פון די שטאַרקע פונקטן אויף וואָס מ'קען צושרייבן די הצלחה פון די תלמוד תורה איז דאָס וואָס עס איז ב"ה דאָ א געטרייע הנהלה וואָס אַרבעטן איבערמידליך אַז אַלעס זאָל קלאַפּן על צד היותר טוב. וואָס איך קען מעיד זיין איז, אַז די הנהלה שפּאָרט נישט קיין געלט און קיין מיה. אויב איז די רעדע פון א זאַך וואָס איז נויטיג פאַר די הצלחה פון די תלמידים, ווערט דאָס צוגעשטעלט בסבר פנים יפות. אָבער פון די אַנדערע זייט זענען די געטרייע חברי הנהלה פאַראַנטוואָרטליכע מענטשן וואָס האָבן אַן אחריות אויף יעדע פרוטה הקדש געלט. מ'פּראָבירט אַכט צו געבן אויף ממון הקדש, און מ'שעצט ווי שטאַרק דער ציבור שטרענגט זיך אָן אויסצוהאַלטן די הייליגע מוסדות, אַזוי אַז מ'געט זייער אַכטונג נישט אויסצוגעבן אומזיסטע הוצאות.

אַלענפאַלס האָט די הנהלה ב"ה מצליח געווען אַז עטליכע בעקערייען דאָהי אין די שטאָט האָבן זיך מתנדב געווען איבערצוגעבן יעדן טאָג דאָס ברויט וואָס פאַרבלייבט, אַמאָל איז דאָס פרישע ברויט וואָס זיי ווייסן שוין פון פאָראויס אַז עס איז נישט דאָ קיין באַשטעלונג דערויף, אַן אנדערס מאָל איז עס ברויט פון נעכטן, אָבער נאָך גענוג פריש אַז מ'זאָל ניטאַמאָל שפּירן א חילוק צווישן היינטיגע און נעכטיגע... און אַזוי שפּאָרט מען זיך די הוצאות פון ברויט... זיי שענקן דאָס בסבר פנים יפות, אָבער ווי פאַרשטענדליך ערוואַרט מען נישט אַז מען זאָל דאָס צוברענגען ביז צו די טיר, און דעריבער הייב איך אָן דעם טאָג מיט'ן גיין אָפּנעמען דאָס ברויט פון די עטליכע בעקערייען.

**עורך: אינטערעסאַנט צו הערן. און וואָס טוט איר ווייטער?**

רח"א: דערנאָך שטעלט מען צו פרישטאָג. די עלטערע כתות וואָס דאַווענען שוין אין חדר עסן יעדן טאָג פרישטאָג דאָ אין תלמוד תורה, און מ'שטעלט דאָס צו. פאַרשטייט זיך נישט יעדן טאָג איז איינס. יעדן טאָג שטעלט מען צו אַנדערע סאָרט מאכלים, כדי די קינדער זאָלן עסן צו די זעט.

**עורך: און דאָס באַקומט מען אויך אומזיסט?**

רח"א: הלוואי... ניטאַמאָל קיין שטאָטישע פראָגראַמען באַקומט מען דערויף. פאַר יעדע פראָדוקט וואָס קומט אַריין אין בנין התלמוד תורה, באַצאָלט די הנהלה גרויסע געלטער. פאַרשטייט זיך, מ'זוכט אַלץ צו האַנדלען אויפ'ן פרייז, און וואו עס איז נישט אויפ'ן חשבון פון קוואַליטי, זאָל עס זיין וואָס ביליגער, אָבער מער ווי פּראָבירן אויף דעם ריכטונג קען מען נישט. וואָס מען דאַרף און וואָס מען נוצט דאַרף מען געהעריג באַצאָלן.

**עורך: וואו קויפט מען דאָס אַלעס? ווער קויפט דאָס?**

רח"א: דאָס איז אויך א חלק פון מיין תפקיד, איינצוקויפן אַלעס וואָס מען דאַרף, און עס וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט. ס'גלייבט זיך נישט וואָס פאַר א שווערע אַרבעט דאָס איז. ס'איז דאָך נישט די רעדע אַז מ'גייט אַריין אין גראָסערי מיט א גרויסע וועגעלע און מ'קויפט איין... מ'דאַרף אַלץ איינקויפן פאַר א "משפחה" מיט בליעה"ר אַריבער פיר הונדערט קינדער שיחיו... און מ'דאַרף קויפן אויפאַמאָל גרויסע קוואַנטומס, וואָס צוליב דעם דאַרף מען אַלץ שטיין אויף די וואַך, צו זען וואָס עס לוינט צו קויפן, ווען עס איז די פּאַסיגע צייט וכדומה.

דער אמת איז, אַז דאָס איינקויפן איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים. פון איין זייט דאַרף מען קויפן מאכלים, רויע צו פּאַרטיגע, וואָס דאַרט איז נישט אַזוי ווייט שייך זיך צו קלויבן. טאַקע ווייל עס איז די רעדע פון איינקויפן פאַר די טייערע קינדער, דאַרף מען האַלטן פאַר די אויגן זייער פולקאָממען געזונט, און מ'דאַרף קויפן די בעסטע קוואַליטעט, אָפּגעזען די פרייז דערפון.

פון די אַנדערע זייט קויפט מען אָבער אויך פאַרשידענע סאָרט פּראָדוקטן וואָס מען עסט נישט. ווי טעלערס, לעפלעך, קאָפּס, זייפן, וכדומה, און ביי דעם פּראָבירט מען אַלס צו שפּאָרן ווי מער מעגליך. איידער מ'קויפט א זאַך הערט מען פרייזן פון אַלע פירמעס. די פרייזן זענען כמעט קיינמאָל נישט אייניג. אַמאָל האָט דער עפּעס פאַר ביליג, און אַמאָל איז די זעלבע זאַך ביי יענעם פיל טייערער. אַזוי פאַרברענגט מען א לאַנגע צייט פּונקטליך נאָכצוזוכן וואו מען קען באַקומען די בעסטע פּראָדוקטן פאַר ביליג, און אַזוי קויפט מען איין יעדע זאַך עקסטער. ס'מאַכט זיך אָפּטמאָל אַז יעדע אייטעם קויפט מען ביי א צווייטן...

**עורך: און ביי וויפיל קאָמפּאַניס קויפט מען איין?**

רח"א: ס'איז שווער אויסצורעכענען. מ'דאַרף כסדר קויפן, און טראָץ וואָס מ'פּראָבירט צו שפּאָרן קאָסט דאָס נאָך אַלץ אָפּ גרויסע געלטער. שווערע טויזנטער פונטען קאָסט יעדע וואָך עקסטער אָפּ די אָרדערס פאַר מאכלים, ווי אייער, מילך, גרינצייגן, טאנא, מייענעס, פּינאַט-באָטער, מילכיגע פּראָדוקטן און נאָך, און דערצו אַלע ערליי פּעפּער-גודס, קלינונג געברויכן וכדומה.

**עורך: פּיין, איז זעמיר אַביסל פאַרפאָרן. מ'האַלט מיר ביי אינדערפרי. איר קומט אָן אין חדר און...**

רח"א: מ'שטעלט צו פרישטאָג. מ'דאַרף זען אַז די געהילפן זאָלן טון זייער אַרבעט. אָנצוגרייטן דעם עסזאַל, לייגן אויף די טישן טישטיכער, קאָפּס, טעלערס, לעפלעך, ברויט, מילך און נאָך. פון די אַנדערע זייט פּראָבירט מען אַלץ אַז דאָס עסן זאָל זיין נאַרהאַפטיג און געשמאַק, כדי די קינדער זאָלן עסן צו די זעט.

דאָס זעלבע איז נאָך פרישטאָג דאַרף מען נאכרוימען און זען אַז דער עסזאַל זאָל זיין גרייט פאַר מיטאָג. ביי מיטאָג איז די אַרבעט שוין שווערער. אַלע תלמידים עסן און חדר, און מ'דאַרף פאַר יעדן עקסטער צוגרייטן דעם עסזאַל.

**עורך: נאָך דעם עסזאַל דאַרף מען צוגרייטן? און וואָס איז מיט'ן מיטאָג אַליינס, ווער גרייט דאָס צו?**

רח"א: אָה, דעם מיטאָג גרייט מען נישט צו דאָ אין תלמוד תורה. דאָס ברענגט אַריבער פּאַרטיגערהייט פונעם פלייש געשעפט שע"י קהלתינו הק'. וואס הר"ר נתן יואל גרינפעלד מענעדזשער פונעם פלייש געשעפט וואס גוט זיך איבער בלב ובנפש, דער מעניאין אַלגעמיין ברענגט מען אַריבער נאַרהאַפטיגע פּאַרווע סעודות, אָבער פאַר'ן תועלת פון די קינדער האַלטן מען איצט אינמיטן אויסאַרבעטן, אַז עטליכע מאָל אין די וואָך זאָל מען אויך געבן פליישיגע סעודות, וואָס דאָס קרעפטיגט מער. א חשוב'ער נדבן האָט זיך אונטערגענומען אויסצוצאָלן דעם חלק

הארי פון די פליישיגע סעודות, און פאַר די אַלגעמיינע מיטאגס באַצאָלט די הנהלה.

**עורך: באַצאָלן? ס'איז דאָך פון 'אונזער' פלייש געשעפט?**

רח"א: דאַכט זיך אַז די פאַרוואַלטונג פונעם פלייש-געשעפט באַקומען אויך נישט קיין פּראָדוקט אומזיסט... זיי האָבן אויך הוצאות פון איינקויפן, קאָכן, געהילפן וכדומה, און צוזושטעלן די סעודות פאַר אַזויפיל הונדערטער תשב"ר בליעה"ר קאָסט אָפּ גרויסע געלטער.

**עורך: און ווי אַזוי עסן די קינדער? איר זעט דאָך די טעלערס סיי פאַר און סיי נאָכ'ן עסן... ווי אַזוי קוקן אויס די טעלערס?**

רח"א: ב"ה די טעלערס זענען כמעט אַלץ ליידיג... ביי די יונגערע קינדער געפונען זיך די מלמדים ביי פרישטאָג און מיטאָג צו פאַרטיילן דאָס עסן, און זיכער צו מאַכן אַז די קינדער עסן. אַז א קינד עסט נישט געהעריג, איז דער קאָפּ נישט רואיג צו לערנען געהעריג, און דער גאַנצער טאָג גייט אַנדערש... דאָס זעלבע איז ביי די עלטערע קינדער. אַלץ איז דאָ א מלמד וואָס געפונט זיך מיט די קינדער, מ'פאַרציילט מעשיות, און מ'זעט אַז די קינדער זאָלן עסן צו די זעט.

**עורך: און ווי אַזוי גייט דאָס, יעדן טאג פון די וואָך געט מען די זעלבע סאָרט מאכלים?**

רח"א: יאָ, אין אַלגעמיין געט מען יעדן טאָג די זעלבע, אָבער אויף ראש חודש פּראָבירט מען אַלץ צוצושטעלן עפּעס א ספּעציעלן מאכל פאַר די קינדער. פון איין זייט פּראָבירט מען אַז דער עסזאַל אַליינס זאָל זיין צוגעשטעלט מער שענער, מער ראש חודש'דיגער... און פון די אַנדערע זייט פּראָבירט מען אַלץ צוצולייגן א ספּעציעלן מאכל לכבוד היום. געוועגליך יעדן זונטאָג באַקומט מען די איבעריגע חלות פון די בעקערייען, וואָס לייגט מען אַוועק, און מ'מאַכט פון דעם עפּעס א ספּעציעלן מאכל אויף ראש חודש, און צומאָל מאַכט מען עס אַנדערש, אַלעס לויט די מעגליכקייט און אומשטענדן.

**עורך: אַלענפאַלס. וואָס ווייטער. דער פרישטאָג איז שוין אפגעגעסן. וואָס טוט מען דערנאָך?**

רח"א: וואָס מ'טוט? קיינמאָל נישט אייניג, אָבער קיינמאָל נישט ליידיג... אַלץ איז דאָ וואָס צו טון, און טאַקע אַסאַך. קודם וואָס כ'האָב שוין פריער ערוועגט, דאָס איינקויפן אַלעס וואָס נאָך נויטיג. נאָכדעם דאַרף מען כסדר רוימען. מ'דאַרף קאָנטראָלירן די אַרבעטער, זען וואָס און וואו און מען דאַרף נאכרוימען, זיכער צו מאַכן אַז דער בנין איז ריין און ציכטיג.

**עורך: דאָס דאַרף מען כסדר טון? פאַרוואָס איז נישט גענוג איינמאָל אין טאָג אויפצוראַמען?**

רח"א: זייער גוט געפרעגט, און כ'וועל דאָס מסביר זיין. מיר זענען נאָך א נייע מוסד, אָבער נישט סתם ניי, נאָר אויך באַרג... מיר געפונען זיך דאָ נאָר צייטווייליג אין א פּראָוויזאָרישן בנין וואָס מ'האָפט בקרוב זיך שוין צו זען אינדרויסן פון דאָ. איך האַק איבער. ב"ה ס'איז דאָ דער געטרייער איש המעש ר'

אליעזר לעוו הי"ו וואס איז בשליחות פון זיין חשובע'ן טאטע הרבני הנגיד ר' ישעי' וואלף שליט"א דער ראה"ק אין דער פטרון הת"ת וואָס געט זיך אַוועק בלב ונפש צוצואיילן דאָס אויפבוי פונעם נייעם בנין התלמוד תורה, זאָל אים דער אויבערשטער שענקן הצלחה אויסצופירן זיין שטרעבונג וואָס פריער. אָבער דערוויל זענען מיר נאָך אינעם בנין וואו מיר זענען, אויב מ'קען דאָס אָנרופן "בנין"... פאַקטיש זענען מיר ווי צושפּרייט און צעזייט... ס'איז טאַקע אַלעס אויף איין גרויסע שטח, אָבער ס'איז עטליכע חדרים דאָ, עטליכע איינצעלנע אַהינציר, און דאָס אַלעס פאַרשווערערט שטאַרק די אַרבעט.

דער בנין איז בכלל נישט גענוג צו אַקאָמאַדירן אַזויפיל קינדער בליעה"ר אויפאַמאָל, און ווי פאַרשטענדליך ברענגט דאָס אַז דער בנין ווערט לייכטער אויפגעוואָרפן. מ'דאַרף כסדר נאָכגיין, נאכרוימען און קלינען זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז די כתות זענען זויבער און ציכטיג. כדי צו אָנצוקומען צו די דרגה אַז עס זאָל זיין אַזוי ריין ווי אין א געוועהנליכן בנין, דאַרף מען כסדר איבער-רוימען און נאָכגיין נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו פאַרזיכערן אַז אַלעס איז מסודר על צד היותר טוב, פאַר'ן הרחבת הדעת פון די תלמידים, וואָס ווי פאַרשטענדליך קאָסט דאָס אָפּ פיל גרעסערע הוצאות ווי ווען מיר זענען מסודר אין א געהעריגן בנין.

**עורך: נאָר ביים קלינען קלאַפּט אויס דער איצטיגער צושטאַנד פונעם בנין?**

רח"א: ווייט נישט... מ'קען דאָס אויך צוטיילן אין צווייען. קודם זענען דאָ די חדרים וואָס שטייען שוין. מ'נוצט עס טעגליך, אָבער זייענדיג א בנין וואָס איז נאָר אויף צייטווייליג, באַגנוגט מען זיך מיט חדרים וואָס זענען געבויט פון ביליגערע מאַטעריאַל, וואָס דאָס אַליינס ברענגט אַז מען דאַרף פיל מער נאָכגיין דאָס רוימען, אָבער דערצו ברענגט דאָס אויך אַז מען דאַרף פיל מער מענטינען און פאַררעכטן די כתות. זאַכן צוברעכן זיך שנעלער און לייכטער, און מ'דאַרף כסדר פאַררעכטן, צולייגן, אַראָפּנעמען, טוישן און נאָך.

אויסער דעם דאַרף מען כסדר צובויען נייע כתות און פרישע איינריכטונגען. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין דעם בנין, איז לכל היותר געווען פלאַץ פאַר געציילטע כתות. לויט'ן פלאַן האָט מען אַצינד ווען מיר רעדן איצט, שוין לאַנג זיך געפונען אינעם נייעם פּראַכטפולער בנין התלמוד תורה. מן השמים איז אָבער אַנדערש באַשערט. עס פאַרשלעפּט זיך אַלס מער און מער, און די צייט בלייבט נישט שטיין. עס קומען כסדר צו פרישע תלמידים, און מ'דאַרף פאַר זיי צושטעלן נייע חדרים און אַלע אַנדערע איינריכטונגען.

דער "גרויסער" בנין וואו עס געפונען זיך מערערע כתות איז שוין לאַנג אויסגעלאָפן פון פלאַץ, און יעדע שטיק צייט נעמט מען זיך פריש. מ'נעמט אַריין נאָך עטליכע גראַזשעס וואָס מ'פיקסט איבער און מ'אַרבעט עס איין אַז עס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר חדרים, צי פאַר אַנדערע איינריכטונגען וואָס פעלט זיך אויס פאַר די תלמוד תורה.

וויפיל איך אַליינס האַלט מיט זעה איך, ווי יעדע שטיק צייט אינוועסטירט מען נאָך צען-טויזנט פונט, נאָך פינף טויזנט און אַזוי כסדר נאָך און נאָך שווערע געלטער, אַלעס נאָר אויף צייטווייליג, צו קענען פלאַצירן די קינדער אויף דערוויל, ביז מ'וועט האָפנטליך בקרוב שוין מחנך זיין דעם נייעם בנין.

**עורך: הייסט אַז אָנהייב יאָר דאַרף מען אַלץ צובויען נייע כתות?...**

רח"א: אמת. אָנהייב יאָר איז דער עיקר סעזאָן פון צובויען... אָבער אויך א גאַנץ יאָר איז מען נישט פריי דערפון. ערשט יעצט האָט מען ווידער געענדיגט בויען... אין דעם קלענערן בנין וואו די גאַנץ יונגע קינדער לערנען, איז ביז איצט נישט געווען קיין בית הכסא'ס. ווי פאַרשטייט זיך איז דאָס זייער נישט לייכט, ובפרט ווען עס איז די רעדע פון יונגע קינדער. יעדעס מאָל האָט מען עקסטער געדאַרפט אַרויסגיין אויף די גאַס, גיין ביז צום גרעסערן בנין, וואָס געט צו אומזיסטע אַרבעט און קאָפּ-ווייטיק פאַר די מלמדים און עלטערן... אבער איצט אין די ווינטער וואָכן איז דאָס נאָך פיל שווערער געוואָרן. יעדעס מאָל האָט מען געדאַרפט אָנטון די מאַנטלען, און עס איז געוואָרן שווערער און שווערער.

נישט וויל די מוסדות האָבן איבעריג געלט... אָבער בלית ברירה האָט מען ווידעראַמאָל געדאַרפט נעמען דעם האַמער אין די האַנט אַריין. מ'האָט ווידער אינוועסטירט שווערע טויזנטער פונט, און מ'האָט צוגעבויט עטליכע ביה"כ אינעם בנין פון די קליינע קינדער, אַלעס נאָר פאַר'ן תועלת פון די קינדער שיחיו. אַזוי איז מען כסדר פאַרנומען נאָכצוגיין פאַררעכטן, רוימען און האַלטן חשבון.

**עורך: נו ווי אַזוי קומט מען אָן צו טון אַזוי סאַך?...**

ב"ה, מ'קען זיך נישט אָפּרעדן. די אַרבעט איז שוין היינט לייכטער ווי אָנהייב. זאַכן ווערן ביסלעכווייז מסודר, און די אַרבעט פאָרט שוין אין אַלגעמיין, אָבער מ'דאַרף נאָך אַלץ אַסאַך אַסאַך כוחות אַריינלייגן, און אַרויסקוקן און בעטן אַז דער נייער בנין זאָל שוין וואָס פריער אויפגעבויט ווערן. עס איז ממש קריטיש וויכטיג פאַר די מוסדות.

**עורך: שוין, איך זעה אַז עס ווערט שפּעט און איך שטעל מיך פאַר אַז אַרבעט האָט איר נאָך גענוג. איך קען נאָר אַזויפיל וואונטשן אַז איר זאָלט האָבן הצלחה בכל מעשי ידיכם, און די אַרבעט זאָל אָנקומען וואָס מער לייכטער.**

רח"א: אמן, און נאָכאַמאָל וואָס איך קען מעיד זיין. עס לאָזט נישט גלייבן מיט וועלכע פאַנטאַסטישע הוצאות עס איז פאַרבינדן יעדע ריר אין די תלמוד תורה, און וויפיל די הנהלה מוטשעט זיך צו דעקן די הויכע קאָסטן. זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז אייער ברכה זאָל חל זיין אויף זיי אויך. יעדער איינער זאָל האָבן ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, צו קענען אויפטון אסאַך מיט וואָס וויניגער עגמת נפש...

**עורך: אמן.**

---------------



# סודות פון חדר...

## הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א לערנט פאָר "לשם יחוד" אין כתה ט'

צווישן די תלמידים פון כתה מכינה לישיבה קטנה איז יעדע עטליכע טעג ב"ה דאָ א פרישע שמחה. נאָך א תלמיד פון די כתה קומט אַריין לעול התורה והמצוות, און הייבט אָן צו לייגן תפילין יעדן טאָג. כדי צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון די תפילין און האָבן א שטיקל השגה אין די קדושה פון די תפילין איז הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א אַריבערגעקומען אין די תלמוד תורה, און האָט פאָרגעלערנט פאַר די תלמידים דעם גאַנצן "לשם יחוד" וואָס מ'זאָגט פאַר'ן תפילין לייגן, וואָס אויסער דאָס וואָס די תלמידים האָבן אַזוי אַרום זיך באַקענט מיט'ן פירוש המילות, האָט דאָס אַריינגעברענגט אין די קינדער א געוואַלדיגן געפיל צו די הייליגע מצוה וואָס זיי הייבן אָן מקיים צו זיין אין דעם יאָרגאַנג, צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון "לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו" און צו וויסן די גרויסע סגולה פון מצוות תפילין.

## גמרא געלערנט אין כתה ד'

ביי די תלמידים פון כתה ד' אין די מוסדות האָט מען פאַרגאַנגענעם יאָר איינגעפירט א דבר חידוש בפקודת הקודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, אז שוין אין דעם יאָרגאַנג האָבן די תלמידים שוין אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, אַנשטאָט אויסצוואַרטן ביז כתה ה' ווי אין אַלגעמיין אין אַלע מוסדות התורה אין ענגלאַנד. אין אַנדערע מקומות איבער די וועלט איז דאָס דער רעגעלמעסיגער איינשטעל אַז התחלת הגמרא איז אין כתה ד', און בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א האָט מען דאָס איינגעפירט אויך ביי אונז אין די תלמוד תורה. די קינדער האָבן געלערנט אַנדערהאַלבן בלאַט גמרא אין מסכת וואס מענלערנט און האָבן סוף יאָר זיך פאַרהערט אויף דעם גאַנצן לימוד, וואָס איז ב"ה געווען א געוואַלדיגע הצלחה און אויסטערלישע דערגרייכונג אויפ'ן געביט פון חינוך הבנים.

## רעגעלמעסיגע בחינות פון הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א



כדי צו פאַרשטערקערן דעם כח התורה צווישן די טייערע תלמידים, האָט הגה"צ אבדק"ק ור"מ שליט"א איינגעפירט אַז יעדע וואָך ערשיינט ער אין די תלמוד תורה, און פאַרהערט אַן אַנדערע כתה די לימודים וואָס מ'האָט געלערנט יענע וואָך. דער רב שליט"א האָט אַזוי אַרום די געלעגנהייט מיטצוהאַלטן פונדערנאָנט די שטאַרקע כוחות פון די חשוב'ע מלמדים שליט"א, און קען אָבזערווירן דעם התעלות רוחני פון יעדן תלמיד באַזונדער. מיט דעם איינשטעל איז בעזהשי"ת דאָ די מעגליכקייט פריער אויפצוכאַפּן פאַרשידענע פראָבלעמען, וואָס ווי פריער מ'קומט דערויף, אַלס לייכטער איז דאָס צו קענען מתקן זיין.

## הלכות ועניני שבת געלערנט אין עלטערע

## כתות

אַלס הכנה צום יום השבת קודש, איז דער זמן פון דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג מוקדש יעדע וואָך אין די דריי עלטערע כתות פון די תלמוד תורה, כתות ז' ח' און ט' צו לערנען הלכות שבת מתובל מיט אימרות וענינים איבער קדושת השבת. דער לימוד גייט אָן מיט א געוואַלדיגן ערענסטקייט, און ווי די עלטערן האַלטן מיט איז דאָס שטאַרק עושה רושם אויף די טייערע תלמידים שיחיו.

## ספעציעלער מומחה איז בוחן הבנת הלימודים פון תלמידים

פאַר'ן תכלית פון די טייערע קינדער שיחיו, איז מיט א צייט צוריק אַראָפּגערופן געוואָרן אין די תלמוד תורה דער חשוב'ער בעל מחנך יחיד מומחה הרה"ח ר' חיים שלמה פריעדמאַן הי"ו, וועלכער האָט עקסטער פאַרהערט אַלע תלמידים, און ספעציעל געלייגט א דגוש בוחן צו זיין דעם דרגת ההבנה פון יעדעס קינד באַזונדער. ומעלה יתירה עשו האָט די הנהלת התלמוד תורה געלייגט א ספעציעלן געוויכט אויף דעם נושא פון הבנה וואָס איז ליידער שטאַרק נזנח אין פאַרשידענע מקומות, זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז מ'האָט אַרויס די ריכטיגע דרגה פון יעדעס קינד, אַזוי אַרום צו קענען האָבן פאַר די אויגן וואָס מ'קען ערוואַרטן פון יעדעס קינד, וויפיל ער קען און וויפיל ער פאַרשטייט טאַקע, און וויפיל בעסער ער קען ווען פאַרשטיין אויב ער לייגט צו אַביסל מער קאָפּ...

## שטאַרקע התעלות במדות טובות נאָכ'ן מיטהאַלטן ספעציעלן פראָגראַם

אין די תלמוד תורה האָט אין די וואָכן זיך אָנגעהויבן א ספעציעלער "מדות פראָגראַם" אין וועלכן די תלמידים אַרבעטן כסדר זיך צו פאַרבעסערן אין פאַרשידענע מדות טובות, וואָס איז שטאַרק משפיע אויף די תלמידים זיך צו פירן בהנהגה טובה וישרה וואָס ווערט דורך יעדן באַוואונדערט.

דער פראָגראַם גייט אָן אונטערן נאָמען **"בדרך אבותינו"** און אַלס התחלה האָט יעדעס קינד באַקומען צוואָנציג קאַרטלעך, וואָס אויף ביידע זייטן קען מען אָנצייכענען סיי ווען דאָס קינד האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון טון סיי וועלכע שלעכטע זאַך, און סיי ווע א קינד האָט זיך געפירט מיט סיי וועלכע מדה טובה וישרה. יעדעס קינד וואָס צייכענט עפּעס אַריין, דאַרף דאָס לאָזן אונטער'חתמ'נען ביים מלמד, און די קינדער וואָס וועלן זיך אנקלויבן געווג פוינטס און קאַרטלעך, וועלן אי"ה באַקומען צוגעטיילט ספעציעלע מתנות און גורלות.

## הכנה לימי השובבי"ם

אויפ'ן אידישן קאַלענדער גרייט מען זיך אַצינד ערשט אויף חנוכה, אָבער אין די עלטסטע כתה פון די תלמוד תורה גרייט מען זיך שוין אויף שובבי"ם... אין די תלמוד תורה איז מען אַצינד נאָכ'ן אונטערן רושם פון די פאַריעריגע ימי השובבי"ם ווען לאָנדאָן איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען געקניפּט און געבינדן מיט ניו יאָרק. ביים גרויסן צוזאַמקום וואָס ווערט יערליך געפּראַוועט אין איינער פון די ימי השובבי"ם דורך די תלמידים פון כתות ט' פון אַלע דריי סאַטמאַרער מוסדות, קרית יואל, וויליאַמסבורג און באָראָ פּאַרק, האָבן פאַרגאַנגענעם יאָר זיך אויך מיטבאַטייליגט די תלמידים פון אונזער תלמיד תורה, וועלכע האָבן זיך אויך מקבל געווען די זעלבע קבלה טובה, עוסק צו זיין בתורה שעות רצופות בלי ליאות.

חפץ ה' בידם הצליח, און פון די פופציג טויזנט שעות רצופות וואָס די תלמידים האָבן שפעטער געלערנט אַלס מתנה פאַר מרן רבינו הגה"ק שליט"א, איז פון די היזיגע תלמוד תורה אַליינס צוזאַמגעשטעלט געוואָרן קרוב צו **2,000 שעה,** אין וועלכן עס דערקענט זיך די געוואַלדיגע התמדה מיט וואָס די קינדער זענען עוסק בתורה. אַצינד ווען מען האַלט שוין נישט ווייט פון די ימי השובבי"ם גרייט מען זיך ווידעראַמאָל אַריינצוברענגן א פלייס און חשק צווישן די תלמידים, צו מקבל זיין אויף זיך צו לערנען בהתמדה רבה בלי הפסק.

## תלמידים שטעלן זיך צום פאַרהער

צום סיום פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר שנת תשע"א לפ"ק האָבן די תלמידים זוכה געווען צו ברכה בפרי עמלם ווען רובם ככולם פון די תלמידים פון די עלטערע כתות האָבן מסיים געווען דאָס יאָר ותלמודם בידם, האָבנדיג איבערגע'חזר'ט און זיך פאַרהערט אויף אַלע בלעטער גמרא וואָס מ'האָט געלערנט איבער'ן יאָר.

די תלמידים פון כתה ו' האָבן איבערן יאָר געלערנט די סוגיא פון "יאוש שלא מדעת" אין מסכת בבא מציעא, און עס איז געלייגט געוואָרן גרויסע כוחות אַז די קינדער זאָלן פאַרשטיין וואָס מ'לערנט. די תלמידים פון כתה ז' האָבן געלערנט פרק לולב הגזל אין מסכת סוכה. די תלמידים פון כתה ח' האָבן דורכגעלערנט דעם גאַנצן ערשטן פרק אין מסכת סוכה, און די תלמידים פון כתה ט' האָבן געלערנט פרק האשה נקנית, און האָבן דורכגעלערנט א גרויס חלק פונעם ערשטן פרק אין מסכת קידושין, דורכטוענדיג די שווערע סוגיא פון "קנינים" מיט גרויס קלאָרקייט.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.**

-----------

# קול ההורים
## עלטערן שרייבן איבער די תלמוד תורה

*לכבוד מערכת קול המוסדות.*

כאָל מיין "קול" דערהערט ווערן דורך די שפאַלטענס פון דעם גליון, אַרויסצוברענגען אַביסל מיינע הרגשים וואָס איך שפיר אַלס טאַטע פון א תלמיד אין די תלמוד תורה.
איך מיין אַפ איך בין נישט מגזם ווען איך שרייב, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק ווען די תלמוד תורה איז פריש-נתייסד געוואָרן, בין איך נישט געווען קיין בן יחיד מיט'ן אַנגעהן וואָס האָט געטליגט אין הארץ, נישט וויסענדיג ווי אַזוי די תלמוד תורה וועט מצליח זיין. ס'איז שווער אין די ראַמען פון א קורצן בריוועלע אַרויסצוזאָגן און שילדערן מיט וויפיל הארץ-קלאַפעניש, און מיט וויפיל ספיקות מיינע קינדער זענען איינגעשריבן געוואָרן אין די תלמוד תורה, און למען האמת האָב איך עס נאָר געטון ווייסענדיג אַז עס איז דער בעסטער תכלית פון די קינדער צו לערנען אין א היימיש מקום וואָס ווערט געפירט אונטערן נשיאות הקודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א.
היינט האַלט מען דריי יאָר שפעטער, און געגוי ווי איך קען נישט שילדערן מיינע דעמאָלסדיגע הארץ-קלאפעניש, קען איך היינט נישט שילדערן דאָס פאַרקערטע, ווי שטאַרק דאָס הארץ פרייעט זיך, און ווי שטאַרק עס זענען די הרגשים מיטהאַלטענדיג פון דער נאָנט די איבערמידליכע כוחות וואָס מ'לייגט ב"ה אַריין אין די תלמידים.
איך פעה כסדר ווי מ'קומט ב"ה אויף אין די תלמוד תורה מיט פרישע חידושים. דער געטרייער מנה"ר הר"ר משה פעלבערבוים שליט"א איז ב"ה פריש און מונטער, און קומט אַלץ אויף מיט נייע חידושים ווי אַזוי אַריינצוברענגען אין די קינדער שיחיו אהבת תורה ויראת שמים וואָס כאָל זיי באַגלייטן אויף שטענדיג. אָפטמאָל ווען איך פעה ביי מיין קינד עפעס חדשות, טראַכט איך צו מיר, שוין דאָס איז שוין דאָס מערסטע וואָס מ'קען אַריינלייגן אין די קינדער. און... אַלץ האָט מען מיך איבערראַשט. איך ווער איבערצייגט אַלס מער און מער, אַז ווען עס איז די רעדע פון א דבר טוב, ובפרט פונעם חינוך הבנים איז נישט דאָ קיין אָפשטעל. מ'גייט אַלס העכער און העכער, ומדריגה למדריגה ווערט ב"ה די תלמוד בעסער און בעסער ברוחניות ובגשמיות. עס גייט ממש נישט אַריבער קיין וואָך, און אפשר אפילו כמעט נישט קיין טאָג וואָס דער ניווא פון די תלמוד תורה האָט זיך נישט אַביסל געהעכערט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.
ב"ה פאַר דעם, ואשרינו מה טוב חלקינו אַז כ'האָב די זכי' אַז מיינע טייערע קינדער שיחיו ווערן נתחנך אין אַזאַ געהויבענע אַטמאָספערע, ויתן ה' לנו אַז מיר זאָלן ווייטער קענען זען בשותפות'דיגע נחת ביי דאָס טייערסטע וואָס מיר פאַרמאָגן, די ליבטיגע קינדערלעך שיחיו, וואָס מיט זיי וועלן מיר בקרוב זוכה זיין צו גיין קעגן גואל צדק.

ידידכם הנאמן
י. פ.
פה לאָנדאָן

---------------------

*לכבוד הנהלת מוסדותינו הק'.*

דיו אילו ימי האָב איך נישט גענוג ווערטער אַרויסצוברענגען מיינע געפילן פון הכרת הטוב פאַר די שווערע אַרבעט וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די טייערע קינדער שיחיו.

געפאַסט וואָלט זיך אַפ איך כאָל מאריך זיין מיט א בריוו פון כאָטש עטליכע בלעטער לאַנג, אָבער איך וועל דאָס איבער אַוועקלייגן אויף א צווייטע געלעגנהייט, און איבערגעבן דאָס וואָרט פאַר מיין טייערן זון נ"י וואָס לערנט ביי הרה"ח ר'.... הי"ו אין כתה ... פון די תלמוד תורה.

"מיין טייערער רבי, מיין טייערער מנהל, איך קען אייך נישט גענוג אָפדאַנקען פאַר די כוחות וואָס איר לייגט אַריין אין מיר. איך בין דאָך אַזוי גליקליך און אַזוי פרייליך צו האָבן אַזאַ רבי און מנהל ווי איר זענט".

ניין, מיין זון האָט מיר דאָס נישט געזאָגט אַפ איך כאָל דאָס זאָגן. וואַרשיינליך ווען ער וועט אי"ה עלטער ווערן וועט ער פאַרשטיין אַפ ער דאַרף דאָס זאָגן... אָבער דאָך ווייס איך און איך בין קלאָר איבערצייגט אַפ דאָס איז דער מעסעדזש וואָס מיין זון נ"י האָט אייך איבערצוגעבן, און אין רעפולטאַט איז דאָס - ווי פארשטענליך - דער פעלבער מעסעדזש וואָס איך האָב אייך איבערצוגעבן.

ווען מיין זון קומט אַהיים פון חדר מיט אַזאַ צופרידענהייט אויסגעזאָגן אויפ'ן פנים. מיט אזויפיל חיות דערציילט ער "פונקטליך" ווי אַזוי דער טאָג איז אַריבער אין חדר, אַפש ער קען נישט איינשלאָפן ביז ער האָט מיר דערציילט וואָס עס האָט זיך היינט אָפגעטון אין חדר, קָט דאָס אַלעס זאָגט ביי נישט קיין קלאָרערער מעסעדזש וואָס דאָס פרעהר-געשריבענע "רבי, איך בין גליקליך צו זיין אייער תלמיד".

איך בין נישט קיין מלמד, און איך ווייס נישט גענוי ווי אַזוי מיין זון נ"יס מלמד באַווייזט דאָס. און ווי אַזוי די אַנדערע מלמדים פון מיינע אַנדערע קינדער שיחיו באַווייזן דאָס כסדר. אָבער דאָס וואָס איך פעה איז, אַז די קינדער זענען צופרידן און איבערגליקליך, און אויב זענען מיינע קינדער אַזוי פרייליך מיט די תלמוד תורה, איז ותרב שמחתי איז מיין שמחה נאָך פי כמה. עס איז עולה על כל גדותיו, פאַרשטייענדיג אַז מיט אַזאַ צופאַמענאַרבעט און הארמאניע צווישן די מלמדים און קינדער איז בעזהשי"ת דער בעסטער רעצעפט צו קענען מגדל זיין נטעי נאמנים לה' ולתורתו.
ווי דערמאַנט וואָלט געפאַסט איך כאָל מער מאריך זיין. די צייט ערלויבט אָבער נישט, ואצא בשים שלום טובה וברכה לכל העוסקים במלאכת הקודש.

ידידכם
ט. N.J










# די שטערנס נעבן די זון...

"די בעקערייען איבער לאָנדאָן האָבן היינט געבאַקן 2,500 ברויטן".

ווי אַזוי וואָלט איר אָנגעקוקט ווען איר זעט די דערמאַנטע ווערטער אַלס הויפט-קעפל אין א צייטונג? איר דאַרפט אונז נישט דערציילן. מיר שטעלן זיך אַליינס פאַר די מינע פון וואונדער וואָס וואָלט זיך באַוויזן אויף אייער פנים. וואָס איז דען? דאָס איז א נייעס? דאָס דאַרף מען דערציילן? אַזוי גייט דאָס. בעקערייען באַקן ברויט, און אין אַזאַ שטאָט ווי לאָנדאָן איז 2,500 ברויטן א טאָג פונקט גענוג פאַר'ן טעגליכן געברויך. אַלזאָ, וואָס איז דאָס מאַכן א נייעס דערפון?

אַלזאָ, אַז מ'דערציילט עפּעס א נייעס, משרייבט עפּעס אויף פּאַפּיר איז דאָס א סימן אַז עס איז א דבר שיש בו משום חידוש. געוויינליך איז דאָס נישט אַזוי, איצט האָט אָבער פּאַסירט אַנדערש און עס איז א חידוש. און אַז די תורה הק' דערציילט א געשיכטע, אַז עס איז באַשאַפן געוואָרן א "לבנה" וועלכע האָט גלייך נאָך איר באשאפונג זיך אָפּגערעדט, מיינט דאָס אַז אַלגעמיין איז דאָס נישט אַזוי. איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט אַז די לבנה האָט זיך אָפּגערעדט אַז "אין שתי מלכים משתמשין בכתר אחד" און אין רעזולטאַט איז געקומען דער פסק פאַר די לבנה "לכי ומעטי את עצמך" אָבער אַזוי געוויינליך רעדט זיך די לבנה גאָרנישט אָפּ. עס קומט אַרויס ביינאַכט, אינדערפרי גייט עס אונטער, און עס גייט אַן אויפהער און אָן קיין אָפּשטעל.

דאָס זעלבע איז עס מיט די שותפים פון די לבנה, די ליכטיגע שטערנס און אַלע אַנדערע צבאי השמים. שוין טויזנטער יאָרן וואָס זיי דרייען זיך אַרום אויף זייער ראָד מיט'ן זעלבן גענויעם פונקטליכקייט ווי דער בורא כל עולמים פאַרשטייט אַז אַזוי איז די טובה פאַר די בריאה. קיינמאָל שטעלט זיך עס נישט אָפּ, און עס גייט רעגעלמעסיג אָן קיין אויפהער.

*

קומט אָן דער מלמד אין חדר אַריין, און באַלד באַמערקט ער אויף יאנקעלעס פנים אַז עפּעס טויג נישט... ער ווייסט אַליינס נישט וואָס, און ער גלייבט אַז יאַנקעלע אַליינס וועט אויך נישט פונקטליך וויסן אַרויסצוברענגען וואָס עס קוועטשט אים. אבער אַזויפיל איז ער שוין א מבין אויף יאנקעלעס און אויף אַלע אַנדערע 20-25 פנימ'ער פון די קינדער אין זיין חדר, צו באַמערקן אַז עפּעס טויג נישט.

דער מלמד האָט אחריות אויפ'ן חדר. ניין, נישט בלויז אין אַלגעמיין אויפ'ן חדר. ער האָט אחריות אויף יעדן פון די קינדער באַזונדער, און אויב יאַנקעלע איז היינט נישט דערביי מיטצוהאַלטן דאָס לערנען, וועט זיין געטריישאַפט נישט צולאָזן אַז ער זאָל דאָס לאָזן סתם אַזוי לויפן. אויף אַלע ערליי אופנים פּראָבירט אַריינצונעמען יאַנקעלען אינעם שיעור וואָס ער לערנט פאר. עס איז נישט לייכט. צוליב סיי וועלכע סיבה עס זאָל נישט זיין, שוועבט יאנקעלעס קאָפּ ערגעץ-וואו ווייט אַוועק, איבעראַל נאָר נישט אין חדר... און דער מלמד אַרבעט איבערמידליך אים צוריקצוברענגן.

ער אַרבעט מיט אים איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער פּראָבירט צו ציען זיין אויפמערקזאַמקייט. ער לאָזט זיך אַראָפּ און איז ספּעציעל מסביר די גמרא פאַר יאנקעלען איינמאָל און נאָכאַמאָל. און אויך ווען נאָך צען מאָל מסביר זיין קען נאָך יאַנקעלע נישט דעם שטיקל גמרא, הייבט ער נאָך אַלץ נישט קיין הענט. דער מלמד גאַרטלט זיך פריש אָן מיט נייע כוחות, און ער איז אים דאָס נאָכאַמאָל מסביר. "לא הקפדן מלמד" זאָגן חז"ל, און מיט'ן גרעסטן מאָס געדולד מיט וואָס ער איז באַשאָנקן אַרבעט דער מלמד אַזוי לאַנג אויף דעם תלמיד ביז ער איז מצליח מיט אים.

דאָס איז סיי מיט יאַנקעלע וואָס איז נאָר היינט געקומען פאַר'חלום'טערהייט, און סיי אַנדערע קינדער וואָס דאַרפן כסדר צו וזירוז אַז מ'זאָל מצליח זיין מיט זיי.

יאָ, דער מלמד איז פון די "מצדיקי הרבים" וואָס איז צוגעגליכן צו די... כוכבים. צו די שטערנס. די שטערנס שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ. זייער ראָד דרייט זיך און דרייט זיך אומאויפהערליך, און אויך קיין סקונדע שטעלן זיי נישט אָפּ פונעם געלויף. דער מלמד האַלט חשבון אויף יעדעס קינד באַזונדער, און שטייט גרייט צו לערנען מיט'ן קינד אָן קיין אָפּשטעל. אפילו מאה ואחד פעמים...

מאַכט זיך אָבער דער מלמד א חשבון. אַזויפיל מאָל האָב איך שוין אריינגעבאכעט אין דעם קינד די גמרא. און דאָ נעבן אים שטייט אַן אַנדערער קינד מיט א גוטן של ראש אויף די פלייצעס. אפשר לאָז איך מיך שוין אָפּ פונעם שוואַכן תלמיד מיט וועמען עס גייט מיט אַזויפיל שוועריקייטן, און איך לייג אַריין אינעם גוטן תלמיד א שטיקל מהרש"א, א שווערן רמב"ן וואָס לויט זיין מח קען ער דאָס שוין באַגרייפן.

יאָ, ער ווייסט אויך פון דעם חז"ל אַז א מלמד תינוקת איז צוגעגליכן צו די שטערנס, און ער האָט דערפון גאָר א ראי' צו דעם מהלך. די שטערנס לייכטן אויך נישט ווען די זון שיינט בתוקפה. פאַר די זון האָבן אפילו די שטערנס דרך ארץ. זיי רוקן זיך אין די זייט, נו, וועל איך אויך לאָזן דעם שוואַכן קינד אין די זייט, כדי זיך מער אָפּצוגעבן מיט די גוטע תלמידים.

איז דער פסוק ממשיך "ואוהביו כצאת השמש בגבורתו". ווען די זון איז בתוקפה, עס שיינט בגבורתו פאַרשטעלט עס דעם שיין פון די אַנדערע מאורות, און עס שיינט עס פאַר יעדן צוגלייך. ווידער איז דער מלמד צוגעגליכן צו דעם

"כצאת השמש בגבורתו" און ער לייכט און שיינט פאַר אַלע תלמידים צוגלייך. אין יעדן לייגט אַריין די זעלבע כוחות, מיט'ן שוואַכן אים צו הייבן לויט זיין דרגה, און מיט'ן גוטן אים צו הייבן לויט זיין דרגה. קיינעם לייגט מען נישט אין די זייט. יעדער איז באַרעכטיגט צו באַקומען דעם בעסטן חינוך כפי דרכו.

*

דער מלמד אַליינס האָט אָבער נישט די מעגליכקייט מחנך צו זיין די קינדער מיט אַזאַ געטריישאַפט ווען נישט...

צו די רעכטע האַנט פון די מלמדים שטייען צו די חשוב'ע אישי הציבור וואָס לייגן אַריין איבערמידליכע כוחות. זיי ווענדן זיך צום ציבור, מ'בעט הילף, מ'אַרבעט און מ'שוויצט צו שאַפן די גרויסע סכומים געלט אין וואָס אָנפירן אַזאַ ווירטשאַפט ציט כסדר אַריין. דער עסקן קומט צו צו א איד בעטן א נדבה אָדער התחייבות פאַר די מוסדות, און ער טראַכט ביי זיך: כ'האָב דאָך שוין נעכטן גענומען ביי יענעם. שוין איצט זאָל איך צוגיין נאָכאמאָל? איך קען נישט.

אָבער ניין, נישט צוגיין צו יענעם קען ער נאָך פיל מער נישט... די מוסדות דאַרפן אָנגיין. מ'דאַרף האָבן גרויסע געלטער זיכער צו מאַכן אַז די מצדיקי הרבים, די שטערענס זאָלן קענען טון זייער אַרבעט באמונה ונאמנות יתירה.

זאָגן ווייטער חז"ל "נתן תתן אפילו מאה פעמים". דער גבאי צדקה ווענדט זיך אַלץ איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער בעט, מאָנט און פאָדערט, ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל. עס ליגט אים פאַר די אויגן דער פסוק "ויתן ויחזור ויתן" און ער איז דאָס אַליינס מקיים אַלס'ן גדול המעשה יותר מן העושה. מיט דעם וואָס ער איז זיך מתגבר נישט מיד צו ווערן, זיך נישט צו לאָזן פון די שוועריקייטן פון אזופיל מוטשען און בעטן, איז ער אַליינס מקיים דעם ויתן ויחזור ויתן" ער בעט און זעט אַז אַנדערע זאָלן געבן איינמאָל און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

יאָ, טאַקע געגוי ווי די שטערענס וואָס שטעלן קיינמאָל נישט אָפּ זייער גאַלאָפּ, און פונקט ווי דער מלמד וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון מחנך זיין די קינדער, שטייט אים צו צו הילף דער "גבאי צדקה" וואָס איז אויך צוגעגליכן צו די... כוכבים, ווי חז"ל זאָגן בפירוש אין מסכת בבא בתרא, ומצדירי הרבים ככוכבים אלו גבאי צדקה.

מאכט זיך אַמאָל, דער גבאי צדקה טרעפט אָן א גרויסן גביר, א נגיד וואָס לאָזט זיך קאָסטן א גרעסערן סכום פאַר די מלמדי תשב"ר, און ער הייבט שוין אָן צו קלערן ביי זיך. גענוג. איצט קען איך נעמען אורלויב אויף א שטיק צייט. איך דאַרף מער נישט אַזוי שוויצן און אַרומלויפן שאַפן קלענערע נדבות. די גרעסערע נדבה איז שוין גענוג קעגן אַסאַך קלענערע. אָבער... פון די אַנדערע זייט ווייסט ער גוט דעם תכלית און ער פאַרשטייט אַז מיט'ן גרעסערן סכום וואָס ער האָט נאָרוואָס געשאַפן איז דאָ גענוג און נאָך וואָס צו טון אויך ווען די קלענערע נדבות וועלן ווייטער אַריינקומען ווי ביז איצט.

יאָ, ער איז טאַקע "ככוכבים" וואָס הערן נישט אויף צו גיין, אָבער אמאל שיינען זיי נישט. ער איז אָבער אויך געגליכן צום "כצאת השמש בגבורתו" ער גייט אַרויס מיט'ן פולן שטאַרקייט און שיינט אויף יעדן צוגלייך. פון יעדן מאָנט ער זיינס. ליבערשט געזאָגט, פאַר יעדן איינעם טיילט ער השפעות צוגלייך דורכ'ן זיי מזכה זיין צו שענקן נדבות לטובת לימוד התורה.

אָט אַזוי איז דער דער הייליגער חתם סופר זי"ע מסביר (אין פרשת וירא) דעם דערמאַנטן מאמר חז"ל אויפ'ן פסוק ומצדיקי הרבים ככוכבים, אלו מלמדי תינוקת און אילו גבאי צדקה.

האַלטענדיג א קורצע צייט פאַר'ן יערליכער דינער לטובת אונזער הייליגע תלמוד תורה, איז עס קיין סוד נישט און עס איז א דבר ידוע אַז אונזער תלמוד תורה צייכענט זיך ב"ה אויס מיט אַזעלכע מלמדים אויף וועמען עס לייגט זיך זייער גוט דער פסוק "ומצדיקי הרבים ככוכבים". די מלמדים ווערן נישט מיד. מ'לייגט אַריין איבערמידליכע כוחות און א זעלטענע האָראוואַניע צו באַגלייטן יעדעס קינד באַזונדער כפי דרכו. מ'געט נישט אויף און מ'לאָזט נישט נאָך. יעדעס קינד איז דאָ פאַר א תכלית. יעדעס קינד האָט זיינע כשרונות און זיינע מעגליכקייטן, און פון יעדעס קינד פראָבירט מען אַרויסצונעמען די מאַקסימום וואָס נאָר שייך, אָפּגעזען מיט וויפיל שוועריקייטן און מיט וויפיל האָראוואַניע עס איז פאַרבינדן.

צו די זעלבע צייט שטייען פאַר אונז די געטרייע "מצדיקי הרבים ככוכבים" די גבאי צדקה, די געטרייע חברי הנהלה וואָס קענען אין קיין פאַל זיך נישט ערלויבן אויסצולאָזן די נדבות פון קיינעם. אוודאי זענען ב"ה דאָ די נגידים בעם אילי הון וואָס לאָזן זיך קאָסטן גרעסערע סכומים לטובת די הייליגע מוסדות, אָבער אי אתה בן חורין להפטר, און די נדבה פון יעדן יחיד איז קריטיש וויכטיג.

כדי צו קענען אָנהאַלטן דעם גרויסן כח פון מצדיקי הרבים ככוכבים אלו מלמדי תשב"ר, איז קריטיש וויכטיג משלב צו זיין דערמיט די מצדיקי הרבים ככוכבים אלו גבאי צדקה, זיי מחזק צו זיין, נאָכצוקומען זייער פאַרלאַנג, זיי מעניק צו זיין בעין יפה וברוח נדיבה, און אַזוי וועלן מיר אַליינס זוכה זיין צו זען נחת פון די טייערע קינדער וואָס וועלן קענען מחונך ווערן דורך די חשוב'ע מלמדי תשב"ר אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן וואָס נאָר שייך.

# בואו ונחזיק את מבצר ה"תורה והיראה" בסכומים הגונים
# יום א' פ' מקץ באולם יסודי התורה

# עדותיך נאמנו מאוד!

**דער חלק הרוחני אין אונזערע מוסדות זענען אויפן העכסטן ניווא, דאס קאסט פאר די הנהלה גשמיות שווערע טויזענטער פונטן וועכנטליך**

## ווי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז מעיד:

מ'האט דא די תלמוד תורה וואס מ'האט דא אהערגעשטעלט האט א געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא, מ'הערט אזעלכע גוטע גריסן פון די גוטע מלמדים, מנהלים, געבן זיך אהער ס'איז טאקע געוואלדיג מצליח, די **חשוב'ע רב ליגט ראשו ורובו האט זיך ארייגעלייגט אין די תלמוד תורה** וואס שטייגט, ס'זעט זיך טאקע אן די עבודת הקודש פון די מלמדים מיט די מנהלים מיט די אלע וואס לייגן צו א האנט, **די הנהלה גשמית און הנהלה רוחנית, אלעס איז איבערגעגעבן בלב ובנפש לטובת התלמוד תורה,** די אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל ווייטער האבן הצלחה און סייעתא דשמיא און מ'זאל גיין מחיל אל חיל.

אצל המסיבה לטובת התלמוד תורה - תשע"א

## כדי דאס אנצוהאלטן זענען מיר קריטיש וויכטיג אנגעוויזן אויף די ווארימסטע שטיצע פון יעדן יחיד!

כ"א כסליו תשע"ב

קדושה משולשת

חזקת שלש שנים להתחדשות המוסדות

תלמוד תורה תורה ויראה דסאטמאר לאנדאן

דינער השנתי

שלש תרומות נאמרו כאן

תורה • יראת שמים • מדות טובות

**כ"א כסלו**
יום הצלה והשחרור
**ודינער השנתי**

יום א' פרשת מקץ
**באולם יסודי התורה**